4 זאָלט זיך אָפּהאַלטן פון זנות; אַז יעדער איינער
פון אייך זאָל וויסן ווי צו האַלטן זיין אייגענע כלי
5 אין קדושה און מיט כבוד, נישט אין ליידנשאַפטלעכע
6 תאוות, ווי די גוים, וועלכע קענען נישט גאָט; און
אַז קיינער זאָל נישט עובר זיין און באַטריגן דעם
ברודער זיינעם אין דער זאַך; ווייל דער האַר איז
זיך נוקם אין אַלע די דאָזיקע פאַלן, ווי מיר
האָבן עס אייך פריער געזאָגט און אויסדריקלעך
7 געוואָרנט. וואָרום גאָט האָט אונדז נישט גערופן
8 צו טומאה, נאָר צו קדושה. דעריבער דער,
וואָס פאַראַכט עס, פאַראַכט נישט אַ מענטשן, נאָר
גאָט, וועלכער גיט אונדז אויך דעם רוח הקודש.
9 און וואָס שייך ברידערלעכער ליבע, באַדאַרפט
איר נישט, מען זאָל שרייבן צו אייך, ווייל איר
אַליין זענט געלערנט פון גאָט, ליב צו האָבן איינער
10 דעם אַנדערן; וואָרום איר טוט עס אויך צו אַלע
ברידער אין גאַנץ מאַצעדאָניען. נאָר מיר בעטן
11 אייך, אַז איר זאָלט נאָך פיל מער טון, און שטרעבן
צו פירן אַ שטיל לעבן, און טון דאָס אייעריקע,
און אַרבעטן מיט אייערע אייגענע הענט, פונקט
12 אַזוי ווי מיר האָבן אייך געבאָטן, כדי איר זאָלט
וואַנדלען ווי עס שטייט אָן לגבי די אין דרויסן, און
נישט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם.
13 און מיר ווילן נישט איר זאָלט זיין אומוויסנד,
ברידער, וועגן די, וועלכע זענען איינגעשלאָפן,
כדי איר זאָלט נישט טרויערן, ווי די אַנדערע, וואָס
14 האָבן נישט קיין האָפענונג. וואָרום ווי מיר גלייבן,
אַז ישוע איז געשטאָרבן און אויפגעשטאַנען,
אַזוי וועט גאָט ברענגען די איינגעשלאָפענע אין
15 ישוען צוזאַמען מיט אים. וואָרום דאָס דאָזיקע
זאָגן מיר אייך אין אַ וואָרט פון דעם האַר, אַז מיר,